*Babi Yar*, by Yevgeny Yevtushenko (1961)

Translated by Yiddish poet Yoysef Rubinstein
Published in the *Forward* on October 8, 1961

# באבי יאר

פון יעווגעני יעווטושענקא
אידיש: יוסף רובינשטיין *)

אויף באבי יאר זיינען קיין דענקמעלער נישטא.
דער אָנשיט, באַרג־אַראָפּ, דעם קבר האָלט באַהאַלטן.
מיר שוידערט
אין מיר איז איצט אַזוי פיל יאָרן דאָ,
ווי ס׳איז דעם פאָלק, דעם אידישען, דעם אַלטען.
אָט זע איך זיך נאָך אין מצרים גיין.
אָט בין איך אויף דעם קרייץ גאָר, דער געקרייציקטער אַליין,
און כ׳טראָג ביז איצט אַרום נאָך פון די טשוועקעס די סמנים.
אָט דאַכט זיך נאָר מיר אויס — אַז איך בין דרייפוס שוין.
מיין מסור און מיין ריכטער איז דער פעבל, דער המון.
כ׳בין הינטער קראַטעס.
אין אַ קלעם, אַרומגערינגעלט.
אַ פאַר׳בילבול׳טער,
באַשפּיגענער,
פאַרשמוצטער.
און דאַמאַסשקעס מיט שפּיצן בריסעלער פאַרפּוצטע,
זיי טיקען קוויטשענדיק מיט שירעמס מיר אין פּנים.
אָט דאַכט זיך מיר —
איך בין אין ביאַליסטאָק אַ אינגעל
עס גיסט זיך בלוט אויף דילן רויט־צעפליוכעט
די שענקערס אין טראַקטיר בויאַנעווען צעיויכעט
און אויסגעמישט מיט בראָנפן זיך דער ציבעלע גערוך האָט.
געשליידערט פון אַ שטיוול, הילפלאָז, פול מיט וויי
.אומזיסט ביי די פּאָגראָמשטשיקעס איך בעט זיך אַלץ ביי זיי
פון אונטער דעם געלעכטער:
„שלאָג אידען, ראַטעווע ראָסיי!"
אַ מעל־שפּייכלער משרת שלאָגט דער מאַמען מיינער.
אָ, רוסיש פאָלק מיינס!
כ׳ווייס —
אַז דו אַליין
ביסט אינטערנאַציאָנאַל אין גאַנצן וועזן דיינעם.
נאָר די, אָפט וועמענס הענט עס זיינען־ווייס נישט ריין,
געקלונגען האָבן זיי גאָר מיט דיין ריינסטן נאָמען.
איך ווייס, ווי גוט דו ביסט מיין ערד.
נאָר ווי געמיין
וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן, אַז אַ ציטער, זיך אַליין
אַ נאָמען זיך געגעבן זייער שיין
„פאַראיין פון פאָלק פון רוסישן!"
מיר דאַכט —
אַז איך בין אַננאַ פראַנק,
אַ דורכזיכטיקע
ווי אַ צווייגעל אין אַפּריל.
און איך האָב ליב.
אַז פראַזן־קלאַנג.
איך דאַרף,
אַז קענען קוקן זאָלן מיר זיך איינער אין דעם צווייטן,
ווי ווייניק איז צו זען,
צו פילן.
ווען מען טאָר קיין בוים נישט זען
און נישט דעם הימל־שימער.
נאָר מען קען גאָר אַזוי פיל —
אָט צערטליך זיך אַרומנעמען אין פינצטערניש פון צימער.
מען גייט אַהער?
נישט שרעק זיך, ניין — דער פרילינג גייט.
דער רויש.
דאָס איז זיין הילכענדיקער שפּריין.
טאַ גיב די ליפּן מיר. מיר זיינען זאַלבערצווייט.
מען ברעכט די טיר?
אָ, ניין — דאָס ברעכט זיך איצט דער אייז...
אויף באבי יאר עס שאָרכן ווילד־גראָזן געדיכטע.
די ביימער קוקן שטרענג אַראָפּ.
ווי ריכטער.
אַלץ שווייגענדיק דאָ שרייט,
און איך אַנטבלויז דעם קאָפּ
מיט טרויער,
פיל ווי לאַנגזאַם ווער איך גרויער, גרויער.
און איך אַליין.
אַ קלאַנגלאָזער געשריי אינגאַנצן בין אַצינד.
אויף טויזנטער, אויף טויזנטער באַגראָבן דאָ, באַהאַלטן.
איך —
א יעדעס דאָ צעשאָסן קינד.
איך —
צעשאָסן דאָ, א יעדער מאַן און אַלטער.
ס׳וועט אַלץ אין מיר געדענקען דאָס און זען, און הערן!
דער „אינטערנאַציאָנאַל" זאָל הילכען דאַן אין ליד,
ווען ס׳וועט אויף אייביק שוין באַגראָבן ווערן
דער לעצטער אויף דער ערד אַנטיסעמיט.
אין מיינע בלוטן פליסט קיין יידיש בלוט נים.
נאָר אַ פאַרהאַסטער פון דער רשעות אָט דער דורכגעפרעסן־שלעכטער
בין איך ביי די אַנטיסעמיטן אַלע,
ווי אַ איד.
און אָט דערפאַר טאַקע —
בין איך אַ רוס אַן עכטער!

*) מיר האָבן פריער געדרוקט די פּאָעמע אין אַן אַר־בעריבעצונג פון דעם דיכטער ב. י. דער דיכטער יוסף רובינשטיין האָט געמאַכט אַן אַנדער איבערזעצונג, וועל־כע מיר ברענגען דאָ.

Courtesy of *Forward* archives